## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# די לעצטע טעג פון „היינט"

די וואַרשעווער פּרעסע, וואָס איז דערשינען פרייטיק פרי דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, האָט נישט געהאַט קיין ידיעות וועגן דעם פּלוצעמדיקן דייטשישן אָנפאַל. דער ערשטער לופטאָנגריף אויף וואַרשע איז געקומען אַרום 4:30 אין דער פרי, ווען די צייטונגען זיינען שוין געווען אָפּגעדרוקט. „היינט", וואָס איז שבת נישט דערשינען, האָט ערשט זונטיק, דעם 3טן סעפּטעמבער, געקענט ברענגען די ערשטע ידיעות וועגן דער מלחמה.

יידן האָבן געגלייבט, אַז די מלחמה וועט אַ סוף מאַכן צו היטלערס ממשלה. די יידישע באַפעלקערונג האָט מיט ענטוזיאַזם אויסגעפירט די בירגערלעכע פליכטן, וואָס די מלחמה האָט געפאָדערט. די יידישע יוגנט האָט זיך מאַסנווייז געמאָלדן צום מיליטער. אין „היינט" זיינען געווען געדרוקט די פּאַטריאָטישע אויפרופן פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון די יידישע סיים-דעפּוטאַטן, פון דער אגודת הרבנים און פון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן גערופן יידן אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד און זאָרגן פאַר די משפחות פון די זעלנערס.

די פּרעסע האָט באַקומען צו דרוקן פאַלשע אינפאָרמאַציעס וועגן די מלחמה-אָפּעראַציעס. מיר לייענען, למשל, אין דעם זונטיקדיקן „היינט" (נומער 204), אַז דאָס פּוילישע מיליטער האָט פאַרניכטעט הונדערט דייטשישע טאַנקען און אַראָפּגעשאָסן 34 עראָפּלאַנען. אַנדערע אַזעלכע אינספּירירטע ידיעות, וואָס זיינען אונטערגעטראָגן געוואָרן „פון אָמבעסטן אינפאָרמירטע קוועלן", האָבן דערציילט, אַז „דער ערשטער טאָג פון דער מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט דעם פּולן דערפאָלג פון אונדזער אַרמיי", אַז דאָס פּוילישע מיליטער איז אַריין קיין דייטשלאַנד און אַז דרייסיק פּוילישע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט בערלין. מאָנטיק, דעם 4טן סעפּטעמבער, האָט פּולקאָווניק ראָמאַן אומיאַסטאָווסקי פאַרזיכערט דורך דעם וואַרשעווער ראַדיאָ אין אַן איבערזיכט פון דער מיליטער-רישער לאַגע, אַז דאָס פּוילישע מיליטער איז צוגעגרייט צו דער מלחמה בעסער ווי וועלכע נישט איז אַנדער אַרמיי. די אַלע גוטע בשורות האָט „היינט" און זיין מיטאָג-אויסגאַבע „היינטיגע נייעס" געדרוקט אין גוטן גלויבן צוגלייך מיט דער גאַנצער פּרעסע.

אין דעם ערשטן מלחמה-נומער, פרייטיק בייטאָג, דעם ערשטן סעפּטעמבער, איז „היינטיגע נייעס" אַרויס מיט אַ גרויסן קאָפּ אין דער גאַנצער ברייט פון דער ערשטער זייט: „אַוועק מיט די הענט פון דער פּוילישער ערד!" דער

היסטאָריקער בער מאַרק (1908 — 1966) שרייבט אין זיינע זכרונות פון די ערשטע מלחמה־טעג אין וואַרשע (דערשינען אויף פויליש אין 1965, ז' 302), אַז דער ערשטער מלחמה־נומער פון „היינט" פון זונטיק, דעם 3טן סעפּטעמבער, „האָט געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם" אויף דער יידישער גאַס. אין אַ נישט אונטערגעשריבענעם אַרטיקל (מאַרק באַהויפּט, אַז דעם אַרטיקל האָט געשריבן אהרן איינהאָרן) האָט „היינט" אין קרעפטיקע ווערטער, מיט אַ געפיל פון גרויס אָפּטימיזם, גערעדט וועגן דעם בשותּפותדיקן גורל פון יידן און פּאָליאַקן. אין אַ הויך־פּאַטריאָטישן טאָן האָט די צייטונג אויסגעפירט: „מיט אַ טיפן, הייליקן גלויבן אין פּוילנס גערעכטיקייט און איר צוקונפט, מיט אַ גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג פון דעם ערלעכן טייל פון דער מענטשהייט איבער די כּוחות פון רשעות און געמיינקייט, וועט דאָס פּוילישע יידנטום האַנט ביי האַנט מיט דעם פּוילישן פאָלק דעם דאָזיקן אָנגעוואָרפענעם קאַמף מיט דער גרעסטער גרייט־פּאַרטיקייט מיטמאַכן. די הערצער הויך! יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ!" (נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן — דער נאָמען און די ערשטע ווערטער פון פּוילישן נאַציאָנאַלן הימן). אין דעם זעלבן געהויבענעם פּאַטריאָטישן טאָן האָט י. מ. ניימאַן געשריבן אַן עסיי „אין אַ העלדישער שעה". מאַרק שרייבט, אַז די דאָזיקע צוויי אַרטיקלען אין דעם זונטיקדיקן נומער און די סימבאָלישע פּאָעמע „נאָכן כירורגישן טיש" פון ישראל שטערן, וואָס איז געווען געדרוקט אין „היינט" דעם 1טן סעפּטעמבער, אין טאָג ווען היטלער איז באַפאַלן פּוילן, האָבן אָפּגעשפּיגלט די געמיטער פון די פּוילישע יידן אין יענע טעג. שטערנס פּאָעמע האָט געקלונגען ווי אַן אָנזאָג פון די בייזע צייטן, וואָס קומען אויף יידן. דאָס ווערק איז משמעות פאַרגעסן געוואָרן אין די טראַגישע געשעענישן פון דער חורבן־תּקופה און איז אין דרוק מער נישט דערשינען. צום ערשטן מאָל איז די פּאָעמע רעפּראָדוצירט געוואָרן אין איינעם פון די אַרטיקלען, געבויט אויפן כּתב־יד פון דער „היינט"־מאָנאָגראַפיע, וואָס דער מחבר האָט געדרוקט אין „די צוקונפט" (נומער 4, אַפּריל 1974, ז' 149). דער לייענער וועט די פּאָעמע געפינען אין צווייטן טייל.

ביז דעם 6טן סעפּטעמבער איז „היינט", ווי די גאַנצע פּרעסע אין וואַרשע, דערשינען נאָרמאַל. אַ ראַדיקאַלע ענדערונג איז געקומען ווען עס איז אין יענעם טאָג אַרויס דער באַפעל, אַז מענער אין מיליטער־עלטער דאַרפן פאַרלאָזן די שטאָט. „היינט" איז רעדוצירט געוואָרן צו 2 זייטן, אָבער אַרויסברענגען די צייטונג אפילו אין דער פאַרקלענערטער פאָרם האָט געפאָדערט גרויסע אָנשטרענ־גונגען און מסירת־נפש. דאָס הויז אויף כלאָדנע 8 איז געווען צווישן די שווער באָמבאַרדירטע בנינים און מען האָט געאַרבעט אין די חורבות. פון די דייטשישע באָמבעס זיינען געפאַלן אַ סך קרבנות, עס איז געווען אַ סכּנה אַרויסצוגיין אין גאַס. ווייניק מיטאַרבעטערס, וואָס זיינען געבליבן אין שטאָט, זיינען געקומען צו דער אַרבעט. פאַרקויפן די צייטונג האָט מען געקענט בלויז אין וואַרשע אַליין.

צו די לייענערס אין דער פּראָווינץ איז זי נישט אָנגעקומען. געלט צו צאָלן שכירות איז נישט געווען, די מיטאַרבעטערס האָבן באַקומען אַ גאַר קליינעם חלק פון זייערע לוינען, ווען אין דער קאַסע איז אַריינגעפאַלן אַ ביסל מזומן פאַר די פאַרקויפטע צייטונגען אין וואַרשע. זוכנדיק הכנסה־קוואַלן, האָט די פאַר־וואַלטונג פון „אַלט־ניי" באַשלאָסן צו פאַרקויפן אַ טייל פון דעם פּאַפּיר־זאַפּאַס. שלמה צוקער האָט זיך באַמיט צו קריגן קונים, אָבער דאָס איז נישט געווען לייכט. בער מאַרק, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט ווי אַ טעכנישער מיט־אַרבעטער אין „מאָמענט", שרייבט אין זיינע זכרונות (ז"ז 304—305), אַז „דעם 6טן סעפּטעמבער זיינען די רעוויזיאָניסטישע אַפּוטרופּסים פון „מאָמענט" אַוועק אויף מזרח און מיטגענומען מיט זיך די קאַסע... „היינט" איז מאַטעריעל געווען אין אַ בעסערער לאַגע ווי מיר. קיינער האָט די קאַסע נישט צוגעגנבעט. די מיטאַרבעטערס האָבן באַקומען אויסגעצאָלט 10 פּראָצענט פון זייער נאָרמאַלער שכירות".

דער לעצטער נומער פון „היינט" איז דערשינען דעם 22סטן סעפּטעמבער (די פּוילישע פּרעסע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן צו מאָרגנס; דעם 28סטן סעפּטעמ־בער האָט וואַרשע קאַפּיטולירט). משה גראָסמאַן, אַ יונגער שרייבער, וואָס האָט געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע, איז געווען איינער אַליין אין רעדאַקציע. אויפן וועג ער האָט געקלעטערט איבער די הויכע חורבות, וואָס האָבן פאַרשאָטן די וואַרשעווער גאַסן. די צייטונג, וואָס ער האָט יענעם טאָג צוזאַמענגעשטעלט, איז געווען דער לעצטער נומער פון „היינט". ער האָט דאָרט אַריינגענומען אַ קאַפּיטל תהילים אין יהואשעס איבערזעצונג. (נאָך דער מלחמה האָט ער אַרויס־געגעבן דעם זשורנאַל „היימיש" אין ישראל).

עס איז אַ ספק, צי די עקזעמפּלאַרן פון „היינט" פון די לעצטע טעג פאַר דער קאַפּיטולאַציע זיינען ערגעץ ווו פאַרבאַהאַלטן געוואָרן. בערל מאַרק דער־ציילט אין זיינע זכרונות (ז' 306), אַז נישט אין די ביבליאָטעקן אין וואַרשע־ווער אוניווערסיטעט און נישט אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין וואַרשע זיינען נישטאָ קיין עקזעמפּלאַרן פון דער יידישער פּרעסע פון דער צווייטער און דריטער דעקאַדע פון סעפּטעמבער. דער לעצטער נומער פון „היינט" אין דער ביבליאָטעק פון ירושלימער אוניווערסיטעט איז דאַטירט דעם 28טן אויגוסט 1939. ד"ר לוציאַן דאָבראָשיצקי, דער היסטאָריקער און פאָרשער פון דער פּרעסע פון דער מלחמה־תקופה, וואָס האָט ביז 1969 געאַרבעט אין היסטאָרישן אינסטיטוט פון דער פּוילישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין וואַרשע, האָט אינפאָרמירט דעם מחבר, אַז ער האָט אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק געזען עקזעמפּלאַרן פון „היינט" דאַטירט ביז דעם 6טן סעפּטעמבער. דער מחבר האָט געמאַכט באַמיִונגען צו קריגן פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס פון די דאָזיקע נומערן, אָבער עס איז אים געלונגען צו באַקומען בלויז די מיקראָפילמען פון די אַכט זייטן פון דעם נומער פון זונטיק, דעם 3טן סעפּטעמבער. די פאָטאָגראַפיע פון דער ערשטער זייט,

וואָס טראָגט אגב דעם קלעפּצעטל מיטן אַדרעס פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, וועט דער לייענער געפינען אין דריטן טייל. פון אַ באַגלויבטער קוועלע האָט דער מחבר באַקומען די ידיעה, אַז אין די טעקעס פון די וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעקן אין וואַרשע, אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק און אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, קען מען איצט נישט געפינען מער ווי בלויז אָט דעם איין אייציקן מלחמה־עקזעמפּלאַר פון „היינט" נומער 204 מיט דער דאַטע פון 3טן סעפּטעמבער.

קורץ נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע האָט די געסטאַפּאָ געמאַכט רעוויזיעס ביי אהרן איינהאָרן, משה אינדעלמאַן (ווי מיר שרייבן אין קאַפּיטל 9 איז משה אינדעלמאַן פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער), ב. יאושזאָן און חיים פינקעלשטיין. געסטאַפּאָ־אַגענטן זיינען געקומען אויף כלאָדנע 8 און איבערגעלאָזט די אונטערנעמונג אין חורבות, דאָס מעבל צעבראָכן, די מאַנוסקריפּטן און אַרכיוון צעריסן און צעשיט, די טעכנישע איינריכטונגען פאַרניכטעט, אָבער נישט די דרוקעריי. 7 לינאָטיפּן, די גרויסע ראָטאַציע־דרוקמאַשין און אַנדערע מכשירים און מאַשינען פון דער דרוקעריי זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.